# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

חג הפסח תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 478



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר י"ג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### דאווענען אויף פרנסה

**"מָה נִשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת"**

אין די צייטן פון חז"ל איז געווען דער מנהג אוועקנעמען די טיש מיט אלע עסן וואס זענען דערויף פארן זאגן 'מה נשתנה', כדי די קליינע קינדער זאלן זיך וואונדערן און וועלן פרעגן וואס איז זיין באדייט (פסחים קטו ב).

**רבי חיים הכהן ראפאפארט**, לעמבערגער רב, לייגט צו און ערקלערט אז דער מנהג האט נאך א ציל: אוועקפירן די טיש מיט אלע עסן דערמאנט דעם מענטש אז אין איין מינוט קען אלעס אוועקגענומען ווערן פון אים, און דערפאר אויך אויב ער איז געבענטש געווארן מיט אסאך פארמעגן, זאל ער נישט זיצן רואיג און פארזיכערט, נאר אין דעם יו"ט פסח וואס מען משפט די תבואה (ר"ה טז א), זאל ער בעהטן און דאווענען אז די ברכה פון השי"ת זאל ווייטער רועהן ביי אים.

אין דעם ענין פלעגט דער **'אמרי ברוך'** פון וויזשניץ צולייגן און זאגן, אז צוליב דעם פילן נישט מענטשן קיין זעטיגונג פון עסן מצות אין פסח - כדי זיי זאלן געדענקען צו דאווענען אויף די תבואה אין די טעג וואס מען משפט זיי.

'זכר החיים' דרוש יט; 'אמרי ברוך' פסח

### א תפילה ניצול ווערן פון א משהו חמץ

**"שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ וּמַצָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלּוֹ מַצָּה"**

**רבי יעקב שמשון פון שפיטיווקא** האט מחמיר געווען אזוי ווי די וואס האלטן אז חמץ אסר'ט במשהו און אפילו בצונן (ראה שו"ע או"ח תסז יב ובנושאי כלים שם), וועגן דעם האט ער נישט געוואלט טרינקען פון די וואסער וואס מען האט געשעפט פון די טייך, טאמער עס איז אריינגעפאלן אין דעם חמץ און די וואסער איז געווארן אסור.

איין יאר האט ער גענומען א ריינער פאס, און אין דעם אריין געשארט ריינע שניי, דאן פאר'חתמ'עט דעם פאס, און אוועק געשטעלט אין זיין צימער, טראכטנדיג, אז יעצט וועט ער נישט דארפן זיין באזארגט און דערשראקן.

ערב פסח האט דער רבי געעפענט די פאס, דער שניי אינעווייניג האט זיך אוודאי אויפגעלאזט און עס איז געווען פול מיט לויטערע וואסער, אבער אויפן אויבערפלאך האט געשוועבט א בייגל וואס איז לכאורה אראפגעפאלן פון א פארבייגייער אריין אין שניי...

האט רבי יעקב שמשון געזאגט: איך האב זיך דערפון געלערנט, אז א מענטש זאל נישט מחמיר זיין א חומרא וואס איז נישט איינגעפירט. נאר ער זאל זיך פירן לויט דעם מנהג פון זיינע אבות און בעטן דעם באשעפער ער זאל אים העלפן ניצול ווערן פון א 'משהו' חמץ.

הגדה של פסח 'מקרבן לתורה' עמ' 95

### אפיקומן איז א סגולה אויף פרנסה

**"אֵין מַפְטִירִין אַחַר הַפֶּסַח אֲפִיקוֹמָן"**

**רבי שאול בראך** פון קאשוי שרייבט אז אוועקלייגן די אפיקומן איז א סגולה אויף פרנסה. די חכמים האבן עס מרמז געווען אין זייער מאמר (ב"ב כה ב): "הרוצה להעשיר יצפין", ד.מ. ער זאל אפהיטן די אפיקומן וואס מיר פירן זיך באהאלטן אין דעם סדר-נאכט, ביז די קומענדיגע פסח, און אזוי וועט א גאנצע יאר רועהן די ברכה אין זיין הויז (ראה מגן אברהם תק ז; משנה ברורה שם טו).

זיינע ווערטער האט ער ארויסגעלערנט פון די רייד פון **רבי ר' מענדעלע פון רימנוב** וואס ערקלערט אז יעקב האט אוועקגענומען די ברכות פון זיין ברודער עשו מיט די כח פון די אפיקומן, ווייל אויף די ווערטער פון יצחק פאר עשו (בראשית כז לה): "וַיֹּאמֶר בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה וַיִּקַּח בִּרְכָתֶךָ", טייטש תרגום "במרמה" מיינט "בחכמה", און וואס איז די חכמה? ווייל די געשיכטע איז פארגעקומען פסח-ביינאכט (ראה רש"י שם כז ט), האט יעקב געטוהן מיט חכמה און געגעבן פאר יצחק די אפיקומן צו עסן, און אזוי וועט ער שוין נישט קענען עסן פון עשו'ס עסן, ווייל "אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן" (ראה שו"ע או"ח תעח א), און א רמז אויף דעם: "במרמה" איז בגימטריה 'אפיקומן'.

הגש"פ 'טוב דברך' אותיות רז, רח

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אמן און אמונה ביים סדר-נאכט

די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז דער הארץ פון דעם גאנצן סדר-נאכט, און כדי מיר זאלן זוכה עס מקיים זיין ווי עס דארף צו זיין האבן די חכמים מתקן געווען די נוסח פון די הגדה, וואס ענהאלט אין זיך די אלע ענינים פון יציאת מצרים.

אין די הגדה זעלבסט, באלד ביים אנהויב, ווערט דערמאנט אז אין אמת'ן זענען מיר באפוילן צו דערמאנען יציאת מצרים יעדן טאג, אזוי ווי עס שטייט (דברים טז ג): "למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", נאר די מצוה פון סיפור יציאת מצרים פסח-ביינאכט איז באזונדער מיט דעם וואס עס איז צוגעקומען א עקסטערע מצוה פון: "והגדת לבנך".

דער רמב"ן (שמות יג טז) ערקלערט אז ווען דער פאטער דערציילט פאר זיין זוהן די געשיכטע פון יציאת מצרים, מיט דעם פירט ער אריבער די פלאם פון אמונה אויף די קומענדיגע דורות. קומט אויס אז אין די צענטער פון די סדר-נאכט געפונט זיך די אחריות וואס ליגט אויף די אקסלען פון יעדער איד, אריינלייגן אין זיינע קינדער די יסודות פון אמונה וואס איז אנטפלעקט געווארן ביי יציאת מצרים.

מיר האבן שוין אסאך מאל דערמאנט וואס רבינו בחיי שרייבט (שמות יד לא) אז די מצוה פון ענטפערן אמן האט מען מתקן געווען כדי איינווארצלען די אמונה אין די הערצער פון כלל ישראל. פון זיינע ווערטער קענען מיר אליין אויספירן אז אין די נאכט וואס מיר פירן אריבער די אמונה - די סדר-נאכט, דארפן מיר מקיים זיין די מצוה פון "והגדת לבנך" אויך מיט איינווארצלען די מצוה פון ענטפערן אמן.

די בליק וואס מיר דארפן האבן אויף די אלע ברכות וואס מיר זאגן אין דעם נאכט וועט זיין אין ליכט פון די רייד וואס איז פריער געזאגט געווארן: אויסער די ברכות וואס ווערן געזאגט ביי יעדע יו"ט'דיגע סעודה, קומט צו אין דער נאכט נאך אסאך אייגנארטיגע ברכות, צ.ב.ש. 'בורא פרי הגפן' אויף יעדע איינס פון די פיר כוסות; די ברכה 'אשר גאלנו'; 'על אכילת מצה'; 'על אכילת מרור' א.נ.. דער צדיק רבי שמואל הומינער ('מצוות בליל הסדר' אות עג) רעכנט ער אויס מיט באגייסטערונג נישט ווייניגער פון צוויי און דרייסיג ברכות וואס מיר זענען זוכה זאגן אין דער נאכט, אנגעהויבן פון די ברכה 'מעריב ערבים' ביז די ברכה 'המפיל'. יעדע ברכה מיט איר באזונדערע 'אמן', ווי פארשטענדליך.

ביי די סדר-נאכט לייגן מיר אריין כח און מחשבה צו מחזק זיין די אמונה פון אונזערע קינדער, און אויב מיר ווילן אז די יסודות זאלן פארבלייבן אין זייערע הערצער, איז פאסיג אז אין דער נאכט זאלן מיר אויך אריינלייגן אין זיי די חשיבות פון ענטפערן אמן - **דער יסוד האמונה.**

איך וועל צולייגן און זאגן: אזוי ווי סיפור יציאת מצרים פסח-ביינאכט איז באזונדער מיט די מצוה פון 'והגדת לבנך', אזוי אויך די מצוה פון ענטפערן אמן; אין מסכת סנהדרין (קיט ב) ווערט געברענגט די שיטה פון דער תנא רבי מאיר וואס האלט אז א קליין קינד איז זוכה צו חיי עולם הבא "משעה שיענה אמן", און דער רמ"א (או"ח קכד ז) פסק'נט אזוי הלכה למעשה: "וילמד בניו הקטנים לענות אמן כי מיד כשהתינוק עונה אמן הוא זוכה לעולם הבא".

מען קען מרמז זיין אז אויך דער מנהג פון **'אפיקומן'** וואס איז געציהלט אריינדרינגען די יסודות פון אמונה וואס זענען אנטפלעקט געווארן ביי יציאת מצרים, איז מרמז אויף דער חיוב פון מחנך זיין קינדער אויף ענטפערן אמן, ווייל עס הייבט זיך אן און ענדיגט זיך מיט די אותיות 'אמן'.

אין דער נאכט האבן מיר די געלעגנהייט! לאמיר עס אויסנוצן! און גלייכצייטיג מיט די ערציאונג פון די קינדער צו אמונה, וועלן מיר זיי מחזק און צוזאמען מיט זיי זיך אליינ'ס מחזק זיין די מצוה פון ענטפערן אמן, און אזוי וועלן מיר האבן די זכות צו ממשיך זיין די אור האמונה וואס ווערט אנטפלעקט אין די גרויסע נאכט אויף א גאנץ יאר.

**מיט א רוף "והגדת לבנך"**
**א כשר'ן און פרייליכן פסח!**

יעקב דוד מארמארשטיין

לְעִלּוּי נִשְׁמַת אִמִּי מוֹרָתִי מָרַת דְּבוֹרָה בַּת הרה"ח ר' דֹּב מַרְמוֹרְשְׁטֵיין ע"ה

# די מצות וואס זענען געגעסן געווארן פורים-נאכט

קיעוו. אין די אנהייב פון די יארן פון די באלשעוויקע רעוואלוציע. דערשראקענע איינוואוינער האבן געקוקט מיט שרעק דורכ'ן פענסטער אויף די גרופע געהיימע אגענטן, וואס האבן געבונדן די הענט פון דעם יונגן איד און ברוטאליש געשלעפט צו די שווארצע קאר, וואס האט גלייך אנגעהויבן צו פארן שנעל צו דעם אומבאקאנטן דעסטינאציע.

אין דעם אויטא איז געליגן געבינדן און צוקלאפט, שאול פערלשטיין, אן ענערגישער און לעבעדיגער קארלינער חסיד, וועלכער האט זיך געוואגט צו רעדן אקעגן די קאמוניסטישע רעזשים. אונטער די נאז פון די געהיימע אגענטן האט ער ארגאניזירט מנינים אויף דאווענען און שיעורי תורה, געהאלפן די אידן מאכן ברית'ן און חתונות ווי עס דארף צו זיין, און נאך אנדערע הייליגע אקטיוויטעטן, וואס אין די אויגן פון די קאמוניסטישע מאכט זענען זיי גערעכנט געווען ווי אונטערגראבן די יסודות פון דער רעוואלוציע.

שאול האט געוואוסט אז די אויג פון די ק.ג.ב. באאמטע זעהט שוין פון לאנג זיינע אקטיוויטעטן, און זייער לאנגע האנט האט געווארט אויף די ריכטיגע צייט אים צו כאפן. אבער דאס אלעס האט אים נישט אפגעהאלטן פון פארזעצן די הייליגע ארבעט אין וועלכער ער איז געווען פארנומען, וויסנדיג אז דאס איז די איינציגע זאך וואס וועט העלפן אנהאלטן די אידישע פלאם צווישן די אידן פון רוסלאנד.

די גוט געפלאנטע אפעראציע אים צו כאפן איז אדורכגעפירט געווארן יענע נאכט. די ק.ג.ב. אגענטן האבן זיך ארייגעבראכן אין זיין הויז מיט א טאש פול מיט באשולדיגונג באווייזן אין די הענט, און זיי האבן אים ברוטאל געשלעפט גלייך צום געהיים פאליציי הויפטקווארטיר.

צו די איבערראשונג פון די פארשער האט שאול נישט פרובירט לייקענען. ער האט זיך אויסגעקליבן צו איינשפארן אים צו פייניגן ביים אויספארשונג און זיך מודה זיין אין אלעס וואס איז געשריבן אויף אים,



בראדצקי שול אין קיעוו, הויפט שטאט פון אוקריינא

און דערמיט זיך פאראורטיילט גיין אין גלות צו די פארפרוירענע סיביר, וואו ער האט געדארפט ווערן 'ערצויגן פון דאסניי' מיט נאך אסאך 'פיינט פונעם רעזשים'.

די ק.ג.ב. באאמטע וועלכע האבן געמיינט אז שאול איז מסכים צו ווערן 'ערצויגן פון דאסניי', האבן נישט גע'חלומ'ט אז אנדערע פלענער קומען אים ארויף אין זיין מח, ער האט אויסדערוועלט אריבערפירן זיינע אקטיוויטעטן פון דער שטאט קיעוו צו די ארבעטס-לאגער אין סיביר. ווען ער נעמט מיט די תפילין אין די הענט, עטליכע הייליגע ספרים מיט אסאך אמונה און מסירות נפש, האט ער אנגעהויבן פארשפרייטן אידישקייט און אמונה צווישן די אידישע ארעסטאנטן אין די פארפרוירענע סיביר.

די קאמאנדירן וואס זענען געשטאנען געשטוינט און פארלוירן פון דעם וואס ער טוהט פאר זייערע אויגן, האבן געטראכט אז עס וואלט בעסער געווען אים איבערלאזן אין קיעוו. אקעגן זייערע אויגן האט פאסירט אן אמת'ע 'בראך'... די גאנצע 'ערציאונג פון דאסניי' סיסטעם האט געהאלטן ביים אונטערגיין, און זיי האבן באשלאסן צו אפשטעלן דעם פראצעס מיט אלע כוחות.

זיי האבן באשלאסן אים פארטרייבן צו מער א פארווארפענער ארט, וואו עס געפונען זיך נישט קיין אידן. און אזוי האט זיך שאול געטראפן אנהויב ווינטער אין א ווייטע דארף, צווישן הונדערטער נארישע פויערן.

טראץ די שווערע באדינגונגען האט שאול באשלאסן נישט ווערן געבראכן. ער האט זייער גוט געוואוסט, אז ער איז נישט אליין, ווייל "מלא כל הארץ כבודו", און זיך געשטארקט מיט אמונה און האט ווייטער געהיטן אויף זיין אידישקייט מיט שטאלץ.

איינע פון די שווערסטע באשלוסן וואס ער האט געמאכט איז געווען צו האלטן דעם אידישן קאלענדאר. ער האט געשטעלט פאר זיך פארשידענע צייכענ'עס ער זאל געדענקען ווען איז שבת, ווען איז חנוכה און פורים, און דער עיקר - ווען וועט פסח געפאלן.

ווען ער האט געטראכט פון פסח, האט ער באשלאסן מיט א פעסטקייט אז אויך דאס יאר אין דעם ווייטן ארט וואו ער וואוינט וועט ער האבן כשר'ע מצות לכבוד יום טוב. יעדן טאג פלעגט ער זיך פארצייכענען דעם דאטום, און גלייכצייטיג האבן זיינע ליפן געמורמלט א תפלה. ער האט געבעטן פון השי"ת ער זאל אים העלפן ערפילן זיין וואונטש און זוכה זיין פייערן דעם יו"ט פסח כהלכתו.

צווישן די ארעסטאנטן אין דארף איז געווען א עלנדער און צוריקגעצויגענער יונג מיטן נאמען וולאדימיר. שאול, מיט זיין ברייטן הארץ, האט באשלאסן זיך צו באקאנט מאכן מיט אים, און לאנגזאם האט זיך אויפגעלאזט די אייז צווישן זיי, און וולאדימיר האט אנטדעקט אין שאול א קוואל פון מוט און כח.

אין איינע פון זייערע שמועסן, ווען עס איז קלאר געווארן פאר שאול, אז וולאדימיר ארבעט אין די ווייץ פעלדער אין די געגענט, האט ער אים פארגעשלאגן, א פארשלאג וואס ער האט נישט געקענט אפזאגן: "אין די קומענדיגע דריי וואכן וועל איך דיר געבן יעדן טאג מיין גאנצע פרישטאג, און אנשטאט דעם וועסטו מיר באצאלן מיט פולע קעשענעס מיט קערנדליך ווייץ".

פאר וולאדימיר האט אינגאנצן נישט אינטערעסירט וואס שאול וועט טוהן מיט די קערנדליך, ער האט אים נאר אינטערעסירט די איבעריגע פארציע וואס ער וועט באקומען, און פון זיין זייט זאל דער איד זיי איינזייען אין די ערד...

א וואך פאר פסח האט שאול שוין געהאט א שיינע סומע ווייץ וואס איז געווען גענוג פאר אים צו באקן זעקס מהודר'דיגע מצות פאר די ליל הסדר. אין געהיים האט ער זיי געמאלן, געקנעטן א טייג און געבאקן. ווען ס'איז אנגעקומען דער סדר-נאכט, האט ער זיך געזעצט ביים טיש, געזאגט די הגדה, געזאגט די ברכה על אכילת מצה און געגעסן די מצה מיט שטאלץ. טרערן זענען געפלאסן פון זיינע אויגן. ער האט געפיהלט אין די מצות א ספעציעלן טעם, א טעם פון חירות, פון "השתא עבדי, לשנה הבאה בן חורין".

אינמיטן דעם קומענדיגן זומער איז שאול באפרייט געווארן און האט אנגעהויבן א לאנגע רייזע אויפן וועג צוריק צו זיין שטאט. נאך א שווערע רייזע איז ער אנגעקומען קיין קיעוו ערב ראש חודש אלול, און ווי ער וואלט יעצט נישט צוריק פון 'ערצויגן ווערן פון דאסניי', איז ער געגאנגען מיט א פעסטקייט צו דעם באקאנטן קעלער וואו, לויט זיין זכרון, זענען פארגעקומען די אונטערערדישע מנינים, וואו ער האט געוואלט זאגן די תפילה פון יום כיפור קטן.

ווען ער איז אריין אין קעלער, האט ער זיך געפריידט צו געפינען דארטן עטליכע עקשנות'דיגע אידן ווי ער. אין אנהויב האט מען אים חושד געווען אז ער איז א שפיאן, און ווען ער האט זיי ענדליך איבערגעצייגט זיין ריינע כוונה, האט ער געפרעגט: "ווען הייבט מען אן זאגן יום כיפור קטן?" אבער ער איז געענטפערט מיט בליק פון וואונדער; "יום כיפור קטן? נאר ערב ראש חודש אלול פירן מיר עס צו זאגן!" "נו, לויט מיין חשבון איז היינט ערב ראש חודש אלול" - האט שאול זיך געוואונדערט, און אין ענטפער האבן אים די מתפללים געענטפערט: "האסט זיכער נישט געוואוסט אז דאס יאר איז געווען אן עיבור יאר... יעצט איז ערב ראש חודש מנחם אב".

הערנדיג די ווערטער, איז שאול געפאלן פאר'חלש'ט. זיי האבן אים קוים געקענט אויפוועקן, און ער האט אויסגעבראכן אין א שטורעמישן געוויין. זיין שטארקע זעהל וואס האט געשטארקט אפילו אין די שווערסטע טעג, האט נישט געקענט פארדייען דעם שרעקליכן פאקט, אז די געוואלדיגע השתדלות וואס ער האט געמאכט צו עסן מצות אויף פסח איז געווען אומזיסט. ער האט געפייערט דעם יו"ט פסח אין דער נאכט פון פורים, און אין פסח זעלבסט, האט ער רח"ל געגעסן חמץ. ער האט זיך דערמאנט אין דער געריטער נאכט, די געוויין וואס האט באגלייט דאס זאגן די הגדה, און האט זיך געשעמט, דאס איז געווען א וואונדערליכער 'פורים-פארשטעלונג' און מער נישט.

אין לויף פון לאנגע יארן האט שאול געהאלטן זיין ווייטאג אין הארץ. אפילו ווען ער האט שוין זוכה געווען בחסדי שמים צו פארלאזן דעם פארשאלטענעם לאנד און געפינען מנוחה אויף די אמעריקאנער באדן, האט ער קיינעם נישט מיטגעטיילט מיט זיין ווייטאג וואס האט אים באגלייט יעדן טאג און אין יעדע צייט, די ווייטאג פון א איד וואס האט זיך מוסר נפש געווען... צו עסן חמץ אין פסח. איין טאג האט ער זיך געפרייט צו הערן אז זיין רבי, האדמו"ר רבי יוחנן פון קארלין, איז געקומען צו באזוכן זיינע חסידים אין אמעריקע, ער האט זיך געאיילט זיך שטופן צווישן דעם עולם וואס האט געווארט און געוואלט בעטן א ברכה.

ווען די רייע פון ר' שאול איז אנגעקומען האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן. ער האט אויסגעבראכן אין א ביטערער טרערן און האט דערציילט דעם רבי'ן איבער זיין גרויסער ווייטאג: "ווי' מיר, אז איך האב געגעסן חמץ אין פסח" – האט ער געוויינט.

דער רבי האט זיך אביסל פארטראכט און דאן געזאגט: מיין טייערער פריינד, חז"ל דרש'ענען: 'ושמרתם את המצות - ושמרתם את המצוות', דיך צו לערנען, אז אזוי ווי מען דארף אכטונג געבן נישט דערלייגן די מצות, אזוי אויך דארף מען אכטונג געבן נישט דערלייגן די מצוות. האסט טאקע דערלייגט די מצוה פון עסן מצה, אבער די מצוה האסטו נישט דערלייגט. דער אויבערשטער קוקט נישט אויף דער תוצאה נאר אויף די השתדלות. ער ווייסט וויפיל מי און אויך וויפיל דו האסט אוועקגענומען פון די ביסן פון דיין מויל צו מקיים די מצוה, ער ווייסט ווי ווייט דו האסט עס געטון מיט אהבה און מיט רצון, און ער האט אנגענומען דיין געשאנק אלס א טייערער און דערהויבענער אוצר, קענסט זיין רואיג, דיין שכר איז פארזיכערט אויף אייביג".

ר' שאול האט צוגעמאכט די אויגן און געלאזט די ווערטער זאלן אריינגיין אין זיין הארץ, און א רואיגע געפיל האט זיך פארשפרייט אין זיין קערפער. ער האט געגלויבט אין די רייד פון זיין רבי'ן, אבער מיט א קליינע קווענקעל האט ער געבעטן דעם רבי'ן ער זאל אויפשרייבן דעם 'פסק' אויף דעם פאפיר, כדי עס זאל זיין אפגעהיטן. דער רבי האט עס אנגענומען און געשריבן אויף א פאפיר: "ושמרתם את המצות - ושמרתם את המצוות".

מיט יארן שפעטער, ווען ר' שאול האט געהאלטן פארן פארלאזן דער וועלט, האט ער געבעטן פון זיינע משפחה-מיטגלידער זיי זאלן איבערגעבן די שטיקעלע פאפיר פאר די חברא קדישא, זיי זאלן עס באהאלטן אונטער זיין קאפ, זאגנדיג: "דאס וועט זיין מיין פאס צום גן עדן".

הגש"פ 'נפלאותיך אשיחה עמ'

# די סגולה פון זאגן די הגדה מיט כוונה און שמחה

## די כנפי השכינה זענען אויסגעשפרייט אויף אים

אין זיין ספר 'יסוד יוסף' (פרק פה) איז מבטיח דער מקובל **רבי יוסף מדובנא**, דער רבי פון רבי צבי הירש קיידאנובער, בעל 'קב הישר', אז דער וואס זאגט די הגדה ביי די סדר-נאכט מיט כוונה און שמחה, וועט זוכה זיין אז הקב"ה וועט טוהן פאר אים ניסים ונפלאות, און דאס זענען זיינע רייד:

"אין אלע דורות, פסח ביינאכט, יעדער וואס זאגט די לויב און די דערציילונג פון יציאת מצרים און די ערציילונג פון די הגדה מיט א פרייד, נישט אויפגערעגט און פויל און פילן ווי א לאסט, נאר מיט כוונה און שמחה, דער איז זוכה אז די כנפי השכינה זענען שטענדיג אויסגעשפרייט אויף אים אים צו ראטעווען אין אלע פלעצער און אין אלע ערטער, און איז זוכה עס זאל געטוהן ווערן פאר אים ניסים. אבער דער וואס זאגן די הגדה איז פאר אים ווי א לאסט, ער זאגט עס מיט א פוילקייט און אן קיין שמחה, איז ער נישט זוכה עס זאל געטוהן ווערן פאר אים א נס זייענדיג אין א מקום סכנה".

•

## דערציילן דער נס ערוועקט נאך ניסים

דער יסוד איז שוין געברענגט געווארן אין ספר 'שני לוחות הברית' (מסכת פסחים, מצה שמורה אות קנט), דארט, דערנאך וואס דער של"ה הק' ברענגט דעם זוהר (פרשת בא מ ב) אויף די געוואלדיגע מעלה פון סיפור יציאת מצרים און די שמחה און שפע וואס ער איז גורם אויבן, ענדיגט ער אז פון זוהר קומט אויס (שם) "ווען מען לויבט ה' יתברך אויף די חסד וואס ער האט געטוהן, דעמאלטס קומט א התעוררות עס זאל קומען נאך השפעות". מיט דעם טייטש דער של"ה הק' (שם) דעם פסוק (תהלים קז ח): "יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם", ווען א מענטש לויבט ה' אויף די חסד וואס איז אים געטוהן געווארן, איז ער זוכה צוליב דעם אז הקב"ה זאל טוהן פאר אים ווייטער ניסים ונפלאות.

•

## די אותיות פון די ערציילונג זענען מעורר ניסים

אויך דער חוזה מלובלין נעמט אזוי ארויס פון די רייד פון די זוהר, און אזוי זאגט ער ('דברי אמת' פרשת בשלח): "מיר האבן שוין עטליכע מאל געטייטש: פון א גוטע זאך וואס איז אמאל געווען, קען מען ממשיך זיין נאך גוט'ס, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת בא אין רעיא מהימנא (שם), אויף די ערציילונגען פון ניסים. און אזוי האב איך געהערט פון הרב המגיד מזלאטשוב ז"ל אז דורך די אותיות פון די ערציילונג איז מער מעורר די שורש פון די ניסים, ווייל אלעס ליגט אין די אותיות". מיט דעם טייטש דער חוזה דעם פסוק (שמות י ב): "ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים ואת אותותי אשר שמתי בם וידעתם כי אני ה'". און עס איז באקאנט די קשיא: די ערציילונג איז דאך צוליב אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער זיי זאלן וויסן פון דעם אויבערשטנ'ס כח, איז פארוואס שטייט אויף דער וואס דערציילט: "**וידעתם** כי אני ה'"? נאר די כוונה איז אזוי: אין זכות פון דערציילן פון יציאת מצרים וועלן ענק זוכה זיין אז הקב"ה וועט טוהן פאר אייך ניסים ונפלאות אז איר וועט וויסן און איינערקענען אז ה' הוא האלוקים.

נאך טייטש דער חוזה לויט דער יסוד דעם פסוק (שם יב כז): "ואמרתם זבח פסח הוא לה' אשר פסח על בתי בני ישראל במצרים בנגפו את מצרים ואת בתינו הציל". אויב ענק וועלן דערציילן די ניסים פון השי"ת ביי יציאת מצרים, וועלן אייך זוכה זיין עס זאל מקוים ווערן ביי אייך: "ואת בתינו הציל", אזוי ווי דער 'יסוד יוסף' האט געזאגט: "די כנפי השכינה זענען שטענדיג אויסגעשפרייט אויף אים אים צו ראטעווען אין אלע פלעצער".

•

## שירה אויף נאך ניסים

דער חיד"א ברענגט אויך אז אין מדרש תהלים (ע א) שטייט אז יעדער וואס דערציילט און לויבט אויף א נס וואס הקב"ה האט מיט אים געטוהן, איז זוכה מען זאל אים טוהן נאך א נס. און דאס זאגט דער פסוק (תהלים צו ב): "שירו לה' ברכו שמו בשרו מיום ליום ישועתו" - אויב ענק וועלן זינגען פארן אויבערשטן און לויבן זיין נאמען אויף די ניסים וואס ער האט געטוהן פאר אייך, זענען ענק פארזיכערט אז עס וועט געטוהן ווערן פאר אייך נאך ניסים, און אזוי וועלן אייך לויבן "מיום ליום ישועתו". לויט דעם ערקלערט ער אויך דער פסוק (שם קלו כו): "הודו לא-ל השמים כי לעולם חסדו" - אויב ענק וועלן לויבן דעם אויבערשטן אויף זיינע חסדים, וועלן אייך זוכה זיין עס זאל מקויים ווערן ביי אייך "כי לעולם חסדו".

מיט דעם אויבנדערמאנטן יסוד טייטש רבי יעקב אלגאזי דעם פסוק וואס מיט דעם הייבט מען אן שירת הים (שמות טו א): "אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה' ויאמרו לאמר", ד.מ. אין שכר פון "ויאמרו" - די שירה, האבן זיי זוכה געווען "לאמר" נאך אסאך מאל אויף נאך ניסים ('שמע יעקב' פרשת בשלח). און דער חיד"א טייטש אויף דעם וועג דער פסוק וואס הייבט אן שירת דבורה (שופטים ה א): "ותשר דבורה וברק בן אבינעם ביום ההוא לאמר"; די שירה פון דבורה "ביום ההוא" האט צוגעברענגט "לאמר", מען זאל זאגן אין הימל עס זאל געטוהן ווערן מיט אידן נאך ניסים אין די צוקונפט ('נחל שורק' הפטרת בשלח אות א. וראה 'אהבת יהונתן' שם שרמז לכך).



## סיפור יציאת מצרים ווארצלט איין אמונה

"מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק, וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה"

בעל ספר החינוך (מצוה כא) איז מסביר אז די תורה האט באפוילן אויף סיפור יציאת מצרים פסח-נאכט, כדי צו ערוועקן די הערצער און איינווארצלען די יסודות האמונה. אויך די מצוה פון ענטפערן אמן, אזוי ווי די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, איז געווידמעט צו איינווארצלען די אמונה אין די הארץ (ראה רבינו בחיי, שמות יד לא). און עס איז אינטערעסאנט צו זעהן ווי 'אמן' איז מרומז אין די נעמען פון די תנאים וואס "היו מספרים ביציאת מצרים", אזוי ווי דער **חיד"א** שרייבט אין זיין פירוש 'פה אחד' אויף הגדה של פסח, אז די גימטרי' פון די ערשטע אותיות פון די נעמען פון די תנאים אליעזר, יהושע, אלעזר, עקיבא, טרפון - איז פונקט ווי די גימטריה פון די ווארט 'אמן'.

## קדיש נאך די הגדה

"אֶחָד מִי יוֹדֵעַ"

אויב מיר רעכענען צוזאם אלע נומערן פון 'מי יודע', פון 'אחד' ביז 'שלושה עשר', וועט עס אויסקומען איין און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'.

מען קען ערקלערן דעם טעם לויט די גמרא (סוטה מט א) אז דער וועלט שטייט אין זכות פון ""יהא שמיה רבא' דאגדתא", ד.מ. ענטפערן "אמן, יהא שמיה רבא" אויף די קדיש וואס ווערט געזאגט נאך א דרשה פון דברי אגדה. דערפאר ענדיגן מיר די הגדה מיט דער פיוט 'אחד מי יודע' וואס אין דעם איז מרומז די ווארט 'אמן', כדי עס זאל גערעכנט ווערן ווי ענטפערן אמן נאך 'קדיש פון נאך די הגדה'.

'רשימא דהגדתא' עמ' 252



בעל 'שבט הלוי'

# דער 'שבט הלוי'

## ט"ו ניסן תשע"ה

דער גאון רבי שמואל הלוי וואזנער איז געבוירן געווארן ב' אלול אין יאר תרע"ג אין וויען, עסטרייך, צו זיין פאטער רבי יוסף צבי. פון קינדערהייט אן איז רבי שמואל געשטיגן אין תורה, און ווען ער איז געווען ארום אכצן יאר אלט איז ער געגאנגען לערנען אין די בארימטע ישיבה 'חכמי לובלין', וואו דארט האט ער געלערנט תורה מיט גרויס התמדה און אסאך קונה געווען ביי די ראשי הישיבה, מהר"ם שפירא און רבי שמעון זעליכאווער. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט'ס קריג איז ער ארויף קיין ארץ ישראל, און נאך א לאנגע שווערע רייזע האט ער באשלאסן צו וואוינען אין ירושלים, די הייליגע שטאט, און איז באלד פארבעהטן געווארן צו דינען דארט אלס רב און מו"ץ.

אין יאר תשי"ז איז ער אריבערגעפארן קיין בני ברק צו דינען אלס רב פון די 'זכרון מאיר' געגענט, וואו ער האט אויפגעשטעלט די ישיבה פון זיין רבי, "ישיבת חכמי לובלין", וואס אין לויף פון ארום זיבעציג יאר האט ער געדינט אלס ראש ישיבה. הרב וואזנער האט אויסגעטראטן א וועג אין הלכה און אויף זיין וועג האט ער אויפגעשטעלט אסאך תלמידים, זיינע פיל פסקים זענען געשריבן און געדרוקט געווארן אין די סעריע שו"ת 'שבט הלוי'. אין זיינע לעצטע יארן האט ער באגלייט, געפירט און געמוטיגט די 'בני אמונים' אקטיוויטעטן און האט זיך אויך באטייליגט אין די פארזאמלונגען וואס זענען ארגאניזירט געווארן צו מחזק זיין דאס זאגן פון די ברכות השחר מיט א חברותא. ער איז נפטר געווארן פסח ביינאכט תשע"ה אין עלטער פון הונדערט און צוויי יאר, און הונדערטער טויזנטער האבן באגלייט זיין מטה צו די בית החיים זכרון מאיר אין בני ברק.

### די דרשה פון הגאון בעל 'שבט הלוי' ביי א צוזאמקום פון 'בני אמונים' פאר מנהלים פון ת"ת - אלול תש"ע

# די חוב פון מחנך זיין אידישע קינדער אויף ענטפערן אמן

שטייט אין 'ספר חסידים' (סי' רסא) אז מצוה וואס איז פארלאזט און האט נישט ווער עס זאל זיך זארגן פאר איר, אזוי אויך א מסכת וואס מענטשן זענען נישט געוואוינט צו לערנען, איז עס אין א בחי' פון 'מת מצוה', און אויף דער מענטש ליגט זיך צו מחזק זיין און אנהאלטן דוקא די מצוה און לערנען דוקא די מסכתא, און דאס זענען זיינע ווערטער: "אהוב לך את המצוה הדומה למת מצוה שאין לה עוסקים, כגון שתראה מצוה בזויה, או תורה שאין לה עוסקים, כגון שתראה שבני עירך לומדים מועד וסדר נשים, תלמוד סדר קדשים..."

אויך מיר וועלן זאגן, עס איז א אור-אלטער מנהג ישראל, צו זאגן אלע ברכות השחר בציבור, אויך די ברכות בעפאר די ברכה 'הנותן לשכוי בינה' און ווייטער, ווען אלע פלעגן זאגן די ברכות צוזאמען, איינער האט געזאגט און זיין חבר האט געענטפערט אמן, און נאכדעם האבן זיי זיך געטוישט, דער צווייטער האט געזאגט ברכות און דער ערשטער האט געענטפערט אויף זיינע ברכות. דער מנהג איז פארגעסן געווארן אין די לעצטערע צייטן, און אונזער חשובער ידיד רבי יעקב דוב מארמארשטיין הי"ו, האט זוכה געווען זיך אנכאפן אין די עץ החיים פון מזכה זיין די רבים, מיט זיינע פעולות מחזק זיין דאס ענטפערן אמן, און וויל אויפלעבן און גרינדן פון דאסניי דער אור-אלטער מנהג, אין א בחינה פון (שבת קד א): "שכחום וחזרו ויסדום".

אויף די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן דורך די תשב"ר זאגן אונזערע חכמים אין פרק חלק (סנהדרין קי ב): "קטן מאימתי בא לעולם הבא ...משעה שיאמר אמן, שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', אל תקרי שומר אמונים, אלא שאומר אמן". און די סיבה פון דעם איז ערקלערט אין זייערע ווערטער אין די פארזעצונג פון די גמרא דארטן: "מאי 'אמן', אמר רבי חנינא 'א-ל מלך נאמן'". ד.מ. אז די אינהאלט און באדייט פון ענטפערן אמן, איז עדות אויף די אמונה, עדות זאגן אויפן באשעפער אז ער איז א-ל מלך נאמן, און דאס איז דער ציל אין דער ערשטער פסוק פון קריאת שמע, וואס איז עדות אויף אמונה און יחוד ה', און צו דעם האט מען צוגעלייגט אט די ווערטער: "א-ל מלך נאמן", און דערפאר איז איר מעלה זייער גרויס אז דורך דעם איז מען זוכה צו עולם הבא.

פון דער צווייטער זייט שטייט אין גמרא (סנהדרין סג ב), אז אין די צייט פון חורבן הבית, איז אליהו הנביא געגאנגען צווישן די אלע וואס זענען גע'הרג'עט געווארן צ' געשטארבן פון הונגער וואס זענען געליגן פארשעמט אויף די ערד, און צווישן זיי האט ער געטראפן א באַ'חנ'ט קינד וואס האט נאך געלעבט, האט אים אליהו געזאגט: זאג מיט מיר דער פסוק פון אמונה 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד' און דורך דעם וועסטו זוכה זיין צו לעבן, און דאס קינד וואס זיינע עלטערן האבן געדינט עבודה זרה ר"ל, האט ארויסגענומען די 'עבודה זרה' וואס איז געווען ביי אים, און איז באלד געשטארבן.

וועגן די כוונה וואס דער מענטש דארף אינזין האבן בשעת'ן ענטפערן אמן, שרייבן די פוסקים און עס ווערט געברענגט אין שו"ע (או"ח קכד ו) אז עס זענען פאראן צוויי כוונות: א. 'די ברכה וואס דער מברך האט געזאגט איז אמת'. ב. 'און איך גלייב אין דעם'. און ביי א ברכה וואס איז דא אין דעם א בקשה, דארף מען אויך אינזין האבן: 'יה"ר אז די געבעטע זאל אנגענומען ווערן'. און עס איז פאסיג אז מען זאל לערנען אט די כוונות מיט די תינוקות של בית רבן.

און אין דעם גרויסן תיקון, צו מחזק זיין די אמן ביי תינוקות פון בית רבן, אויסער די מעלה פון ענטפערן אמן, זענען אין אים דא נאך צוויי מעלות טובות: א. מיט דעם איז מען מחזק די עמוד התפילה, וואס ווי באקאנט טוהן די קינדער גרינגשעצן אין דעם. ב. דערמיט איז מען מחזק דער עמוד האמונה, וואס איז איינע פון די זאכן וואס דארף חיזוק. **און עס איז קלאר אז די תקנה האט אין זיך א געוואלדיגע זכות, און עס איז א טריט צו גיין אקעגן משיח צדקנו**, ווייל מיט דעם געבט מען א נייע געלעגנהייט צו מקבל זיין אלוקותו ית' און די אמונה ביי גאנץ כלל ישראל, דורך די תינוקות של בית רבן, וואס, ווי מיר ווייסן אלע, די הופענונג פון כלל ישראל צו מקבל פנים זיין משיח צדקנו, איז אין זכות פון דעם צוקונפטיגן דור, דאס זענען די תינוקות של בית רבן.

און אין דער ענין פון חינוך הדורות וויל איך דערמאנען דער לשון הפסוק ביי די אויספיר פון די רייד פון משה רעיא מהימנא פאר אידישע קינדער, פאר ער איז ארויף צו הר נבו בעפאר זיין הסתלקות, ווי ער זאגט אין פרשת האזינו (דברים לב מו): "ויאמר אליהם שימו לבבכם לכל הדברים אשר אנכי מעיד בכם היום **אשר תצום את בניכם** לשמור לעשות את כל דברי התורה הזאת".

דאס זענען די מעלות טובות פון די תקנה, וואס ידידינו החשוב ר' יעקב דוב האט מתקן געווען, און דאס איז א זיכוי פון א יחיד און א זיכוי פון א רבים, וואיל איז פאר אים וואס ער האט זוכה געווען אין אזא מצוה דרבים. ויהי רצון אז דער זכות פון ענטפערן אמן, און די זכות הבל פיהם של תינוקות של בית רבן שאין בהם חטא, °עט מגין זיין פאר דער וואס האט צוריק באנייט די תקנה און פאר אלע פארזאמלטע, און די חיזוק זאל זיין א טרעפל צו מטהר זיין כלל ישראל אין בעפארברייטונג צו ביאת משיח צדקנו, ברחמים גדולים אמן.